אויף תיכף ארויסצוגעבן: 3/31/2022 גאווערנער קעטי האקול

## גאווערנער האקול אנאנסירט כמעט 70 מיליאן קאוויד-19 טעסטס פארטיילט ביז יעצט פאר ניו יארקער

***68,890,256 טעסטס שוין פארטיילט אריבער די סטעיט אין לעצטע חודשים, מער פון 90 מיליאן טעסטס איינגעקויפט ביז היינט, כמעט 23 מיליאן טעסטס אוועקגעלייגט אין נויטפאל מאגאזין***

***סטעיט צו פארקלענערן טעסטינג פלעצער אזוי ווי מער ניו יארקער באנוצן זיך מיט היים טעסטס, גרייט צוריק צו געעפנט ווערן אויב נויטיג; וואקסינאציע פלעצער בלייבן אפן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז כמעט 70 מיליאן קאוויד-19 אָווער-די-קאַונטער טעסטס זענען פארטיילט געווארן איבער די סטעיט ביז יעצט אלץ טייל פון אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן ניו יארקער דורכאויס די פאנדעמיע.

"אזוי ווי מיר האבן געזעהן דורכאויס די פאנדעמיע, זענען טעסט קיטס א קריטישע מיטל אין די קאמף צו אפשטעלן די פארשפרייטונג פון קאוויד-19 און פארמיידן אויסשטעלן אנדערע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר האבן שוין פארטיילט כמעט 70 מיליאן קאוויד-19 טעסטס, און מיר וועלן פארזעצן זיך צו קאנצענטרירן מיט אונזערע באמיאונגען אויפן פארטיילן היים טעסטס פאר ניו יארקער און פארגרעסערן די צאל וואס מיר האבן אוועקגעלייגט כדי מיר זאלן קענען באפעסטיגן אונזער גרייטקייט פאר די צוקונפט, האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער און זיכערערהייט זיך דורכצורוקן דורך די פאנדעמיע."

אזוי ווי מער ניו יארקער נוצן היים טעסטס אנשטאט אראפצוקומען צו טעסטינג פלעצער, פארקלענערט די סטעיט די טעסטינג פלעצער. די סטעיט האט געהאלטן די קאנטראקטן ביז יוני כדי צו קענען צוריק עפענען שנעלערהייט טעסטינג פלעצער אויב נויטיג. כמעט 100,000 טעסטס זענען געמאכט געווארן ביי טעסטינג פלעצער פון די סטעיט זינט יאנואר 7. עס זענען דא 1,910 רעגיסטרירטע לאקאציעס צו באקומען א טעסט אין ניו יארק סטעיט, לאקאציעס קענען געפונען ווערן [דא](). אלע פון די 15 סטעיט'ס וואקסינאציע פלעצער בלייבן אפן, און ניו יארקער העכער די עלטער פון 50 ווערן ערמוטיגט צו באקומען א צווייטע בוסטער אין איינקלאנג מיט די לעצטנס פארברייטערטע CDC אנווייזונגען.

**סטעיט העלט קאמישאנער דר. מערי ט. באסעט האט געזאגט,** "די פארטיילונג פון קאוויד-19 היים טעסטס איז א קריטישע מיטל העלפנדיג פארשטייטערן די פארשפרייטונג אין אונזערע קאמיוניטיס. איך באדאנק גאווערנער האקול און אונזערע שותפים פון די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) פארן פארטיילן מיליאנען שנעלע טעסט קיטס איבערן סטעיט, באזונדערס פאר קאמיוניטיס מיט א העכערע סכנה. נייע [פארשונג ארויסגעגעבן דורך די צענטער פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג (Center for Disease Control and Prevention, CDC)]() דערמאנט אונז אז מיר מוזן פארזעצן צו לייגן גלייכקייט אין די צענטער פון אלע אונזערע פאנדעמיע אפרוף באמיאונגען. מיטן ברענגען טעסטס צו

נוירסינג היימער, מושב זקנים אנשטאלטן, עסן בענק און NYC האוזינג אויטאריטעט ( NYC Housing Authority) טענאנטס, און מיטן האלטן אונזערע סטעיט-אנגעפירטע מאסן וואקסינאציע פלעצער אפן פאר יעדן — איז דאס געווי וואס ניו יארק סטעיט טוט."

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "קאוויד איז נאכאלץ זייער אן עכטע סכנה, און עס איז קריטיש אז מיר זאלן בלייבן וואכזאם מיט אונזער ארבעט צו באשיצן קאמיוניטיס. א דאנק גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט ניו יארק פארברייטערט אונזערע טעסטינג פארטיילונג אפעראציע צו א מאס וואס ווייניג וואלטן זיך געקענט אויסמשל'ן בלויז איין יאר צוריק, אבער מיר קענען נישט רוהען נאך דעם דערגרייכונג אליין. אזוי ווי מיר רוקן זיך אריין אין די פרילינג, וועלן מיר פארזעצן צו שטיצן אונזערע לאקאלע שותפים אין יעדע וועג וואס מיר קענען כדי צו זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן די כלים צו בלייבן זיכער און געזונט."

זינט אנהויב יאר זענען 68,890,256 טעסטס זענען פארטיילט געווארן אריבער גאנץ ניו יארק, אריינרעכענענדיג איבער 33 מיליאן טעסט פאר סקולס, 19.5 מיליאן טעסטס פאר נוירסינג היימער און מושב זקנים אנשטאלטן, און מער פון 12.5 מיליאן טעסטס זענען פארטיילט געווארן פאר לאקאלע בעאמטע – אריינרעכענענדיג קאונטיס – צו פארטיילן פאר די פובליק אין זייערע קאמיוניטיס. די פארטיילונג באמיאונגען פאלגן נאך דאס איינהאנדלונג פון מער פון 90 מיליאן שנעלע טעסטס אין לעצטיגע חודשים.

פריער דעם חודש האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז מער פון 20 מיליאן קאוויד-19 אָווער-די-קאַונטער טעסטס וועלן פארטיילט ווערן איבערן סטעיט דורכאויס די פרילינג צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע גרייטקייט באמיאונגען.

די פרילינג פלאן רעכנט אריין פארטיילונגען פון אָווער-די-קאַונטער טעסט קיטס פאר נוירסינג היימער, מושב זקנים אנשטאלטן, NYC האוזינג אויטאריטעט טענאנטס, עסן בענק און סקולס, און אין דעם זעלבן צייט אויך ארבעטן צוזאמען מיט ערוויילטע בעאמטע פאר פארטיילונג פארן פובליק, דורכאויס די עטליכע קומענדיגע חודשים צו העלפן טרעפן נייע קאוויד-19 פעלער און האלטן ניו יארקער פארזיכערט.

בעפאר די אויפשטייג פון אומיקראן סוף 2021 האבן גאווערנער האקול און איר מאנשאפט איינגעזעהן די נויט פאר זיכערע אָווער-די-קאַונטער טעסט קיטס צו באקעמפן די אויפשטייג פון אומיקראן, צושטעלנדיג רעגלמעסיגע פארטיילונגען צו די אלגעמיינע פובליק לייגנדיג סקולס און מושב זקנים אנשטאלטן אלץ פריאריטעט אריבער די סטעיט.

ארויס פון די איבער 90 מיליאן טעסטס וועלכע זענען איינגעהאנדלט געווארן זענען כמעט 23 מיליאן טעסטס אוועקגעלייגט געווארן פאר סיי וועלכע פאטענציאלע אויפשטייגן שפעטער דעם יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן